# הנהלת ישיבה גדולה דסאַטמאַר־שיעור ד' קערט זיך צוריק פון לאָנדאָן מיט גרויס חיזוק בס"ד נאָך ערשטע מאַסיווע אקציע

(פארזעצונג פון זייט 4)

געסט געדאווענט אלע תפילות אין גרויסן סאטמארער ביהמ"ד אין לאנדאן, וואו מ'האט אויסגעניצט די געלעגנהייט ארומצוגיין פערזענליך לאדענען דעם ציבור צו די בעפארשטייענדע מסיבה.

ווי פארשטענדליך זענען די געסט מכובד געווארן כראוי וכיאות דורך די הנהלת הקהלה וגבאי ביהמ"ד. מיט קבלת שבת איז מכובד געווארן הגה"צ רבי ארי' דוב קארנבלי שליט"א. צו פסוקי דזמרה שבת אינדערפרי איז צוגעשיקט געווארן הרה"ח ר' שמואל לייביש וויינבערגער הי"ו, און מיט ברכהמ"ז ביי שלש סעודות איז מכובד געווארן הרה"ח ר' אלימלך הכהן דייטש הי"ו.

ביי שלש סעודות האט אויפגעטרעטן הרה"ח ר' שמואל לייביש הי"ו, וועלכער האט כדרכו גאר שטארק אנגעווארימט דעם ציבור מיט פייערדיגע ווערטער, איבערגעבנדיג א קורצע באריכט איבער די געוואלדיגע הצלחה פון די ישיבה אין אזא קורצע זמן, און ווי ווייט מ'איז אנגעוויזן אויף די הילף פונעם ציבור.

ער האט דערביי געלאדענט יעדן איינעם צו קומען צו די מארגנדיגע מסיבה בבית העסקן היקר ר' חיים משה פריעדמאן הי"ו און זיך אנשטרענגען מיט שיינע נדבות לטובת החזקת הישיבה.

### בברכתם ובעידודם

זונטאג במשך היום האבן די חשוב'ע דעלעגאציע אפגעשטאט א פערזענליכע באזוך אין שטוב פון הגה"צ אבד"ק ור"מ סאטמאר לאנדאן שליט"א און ביי הגאון האדיר רבי אליקום שלעזינגער שליט"א ראש ישיבת הרמה, לקבל ברכתם ועידודם למען הצלחת המסיבה.

די חשוב'ע גדולי תורה האבן אויפגענומען די שד"ר פון די ישיבה גדולה ד'סאטמאר מיט גרויס הערצה און זיי מכבד געווען ביותרת הכבוד ווי עס פאסט פאר עוסקים בצרכי ציבור באמונה.

דער לאנדאן-סאטמארער רב שליט"א ווי אויך הגאון האדיר דער ראש הישיבה שליט"א, האבן ביידע מפליא געווען די זעלטענע דערגרייכונג און אויסנאמע אויפטוה פון די ישיבה גדולה שיעור ד', וואס שטייט אונטער די נשיאות והדרכה פונעם גרויסן ראש הישיבה ומנהיג העדה מרן הגה"ק מסאטמאר שליט"א, צוגעבנדיג אז זיי הערן צוריק ביז לאנדאן די שטוינענדע גוטע גרוסן פון די ישיבה, וואו איבער 120 בחורי חמד זיצן און לערנען מתוך התמדה און שטייגן ב"ה גאר שיין אויס.

די דעלעגאציע זענען ארויס פון די באזוכן מיט גרויס חיזוק און ווארימע ברכות אנצוגיין ווייטער מיט די הייליגע ארבעט.

### מסיבה רבתי

דער הויכפונקט פון די גרויסארטיגע אקציע אין לאנדאן, איז געווען די מסיבה רבתי וואס איז פארגעקומען זונטאג אויפדערנאכט אין שטוב פונעם חשוב'ן עסקן נמרץ לכל דבר שבקדושה, הנדיב המפואר מו"ה חיים משה פריעדמאן הי"ו, וועלכער האט במשך די גאנצע צייט בעפאר די מסיבה און בשעת מעשה ארייגעלייגט גרויסע כוחות צו מאכן זיכער אז אלעס קלאפט עצהי"ט.

עס איז געווען א מחזה הוד צוזעהן, ווי במשך עטליכע שעה שטראמט דער ציבור אחים לדעה תלמידי וחסידי סאטמאר, ווי אויך פילע נדיבי לב ותומכי תורה פון אלע עקן שטאט, קומענדיג אלע מיט גרויס הרגש צו נעמען א חלק בגוף ובממון אויפצוהאלטן דעם בארימטן מבצר התורה "ישיבה גדולה ד'סאטמאר שיעור ד'", און ארויסצואווייזן סאלידאריטעט מיט די געטרייע הנהלה וועלכע געבן זיך אוועק פאר די ישיבה טאג און נאכט מיט מסירת נפש.

בראש המסיבה האבן זיך אנגעזעצן פילע חשוב'ע רבני העיר ופני העדה, צווישן זיי: הגה"צ אבד"ק ור"מ דק"ק סאטמאר לאנדאן שליט"א און הגה"צ חו"פ רבי שמואל בנימין קרויס שליט"א נשיא ישיבת תורת חסד, און נאך.

מיט א שיינע דרשה האט אויפגעטרעטן הגה"צ רבי ארי' דוב קארנבלי שליט"א, וועלכער האט איבערגעגעבן א פערזענליכע גרוס פון די רוחניות'דיגע אקטיוויטעטן און הערליכע הצלחה אין די ישיבה, און מעורר געווען דעם ציבור איבער די גרויסע זכי' צו שטיצן די ישיבה.

לאות הכרת הטוב זענען פארטיילט געווארן פאר די חשוב'ע נדיבים, גאר ווערדפולע מתנות, ווי "ספה"ק ברך משה" אויף חנוכה, דער נייער "ספר לב אהרן" חידושי סוגיות פון מרן הגה"ק מסאטמאר שליט"א אויף מס' פסחים, און שיריי מצוה 'שמן זית' וואס האט באצירט די פריוואטע סוכה פון סאטמארער רבי שליט"א.

### כרוה נדיבי עם

במשך די נאכפאלגנדע טעג איז די אקציע פארגעזעצט געווארן אויף א העפטיגן פארנעם, ווען די חשוב'ע חברי הנהלה אינאיינעם מיט די ארטיגע ווארימע עסקנים לטובת הישיבה גייען ארום ממשיך צו זיין און אפנעמען די ווארימע נדבות פונעם ציבור.

עס איז געווען א פארגעניגן נאכצוהערן די ווארימע נדבות וואס דער ציבור האט זיך אונטערגענומען, ווען צווישן די האבן זיך אויך געציילט מערערע נדיבי לב וואס האבן נאך די מסיבה גאר מוסיף געווען פרישע נדבות, נאכ'ן זיך באקענען נענטער איבער די נחיצות פון די ישיבה.

אין צוזאמענהאנג מיט די אקציע זענען די חשוב'ע שד"ר ועסקני הישיבה אויך ארויפגעגאנגען צו עטליכע אויסגערופענע נגידים ותומכים, א שטייגער ווי הטפסר המרומם בונה ומקים עולמות של תורה הרה"ח ר' ישעי' זאב לעוו שליט"א ראה"ק ד'סאטמאר לאנדאן, און נאך, וועלכע האבן אלע אויפגענומען די עסקנים מיט גרויס ווארימקייט און זיך משתתף געווען מיט הערליכע נדבות, וואס האט אריינגעבלאזן גרויס חיזוק פאר די הנהלת הישיבה.

### ותחזירנו לשלום

נאך עטליכע העפטיגע טעג האבן זיך ב"ה צוריקגעקערט אהיים קיין קרית יואל, די חשוב'ע שד"ר, צוריקקומענדיג שטארק אנגעווארימט און מחוזק פון די הערליכע אפרוף וואס אחים לדעה תלמידי וחסידי סאטמאר תושבי לאנדאן האבן ב"ה ארויסגעוויזן לטובת די ישיבה.

צום שלוס פונעם קאמפיין טוט די הנהלת הישיבה זיך באדאנקען פאר די אלע וואס האבן געשפילט א ראלע פאר'ן הצלחה פונעם אקציע, בפרט פאר'ן בארימטן עסקן לכל דבר שבקדושה מו"ה אברהם שלמה כ"ץ הי"ו, וועלכער האט געהאט אריינגעלייגט קאפ און מח און זיך אוועקגעגעבן מיט א ספעציעלע געטריישאפט פאר'ן הצלחה פונעם אקציע לטובת הישיבה. ער האט פערזענליך אויספלאנירט אלע פרטים און באגלייט די אקציע אויף טריט און שריט, וואס האט ב"ה ערמעגליכט די זעלטענע הצלחה.

ווי אויך ווערט באדאנקט העסקן היקר מחשובי יוצאי הישיבה, האברך מו"ה יודל לאנדא הי"ו, וועלכער האט אסאך צוגעהאלפן לטובת דעם קאמפיין.

באזונדער איז צוגעשטאנען צו די רעכטע האנט פון די חברי הנהלה, דער חשוב'ער איש חי ורב פעלים לכל דבר שבקדושה בחצרות סאטמאר אין לאנדאן, הרה"ח ר' יצחק מאיר קאפפעל הי"ו, יו"ר התאחדות אברכים שבת אחים ד'סאטמאר, ומנאמני יהדות החרדית אין לאנדאן, וועלכער האט באגלייט די געסט און צוגעשטאנען צוהילף למען הצלחת המגבית.

אחרון חביב טוט זיך די הנהלת הישיבה שטארק באדאנקען און מכיר טובה זיין דעם חשוב'ן איש המעש לכל קדשי בית סאטמאר, הרה"ח ר' משה אהרן האפפמאן הי"ו, יו"ר ועד הפועל מוסדות סאטמאר וויליאמסבורג, וועלכער האט פון דאהי אין ניו יארק פארגעברייט די וועג און קאנפערירט מיט די עסקנים אין לאנדאן מסדר צו זיין אלע פרטים ברוב כשרון עצהי"ט.

עס איז זיכער אז די אלע חשוב'ע עוסקים ומשתתפים, וואס האבן ארויסגענומען סיי וואספארא חלק בגוף ובממון פאר'ן הצלחה פונעם אקציע לטובת הישיבה, האבן זיך איינגעקויפט אומשאצבארע זכותים וואס וועט זיי באגלייטן בכל עת ובכל זמן, ווי דער הייליגער מייסד הישיבה מרן רביה"ק בעל דברי יואל מסאטמאר זי"ע האט מבטיח געווען, אז ווער ס'וועט טוען פאר זיינע מוסדות וועט ער נישט שולדיג בלייבן.

ברוך אשר יקים את דברי התורה הזאת.

# מאַסן ביים מלוה מלכה אין ב"פּ לטובת ביהמ"ד חסד אברהם דהיבנוב

באָראָ פּאַרק. — הונדערטער אידן האָבן זיך באטייליגט אין די יערליכע מלוה מלכה לטובת ביהמ"ד חסדי אברהם ד'היבנוב, בנשיאות הגה"צ המפורסם רבי אברהם יהושע העשיל פריעדלאנדער שליט"א, וואָס איז פאָרגעקומען פּאַרגאַנגענעם מוצש"ק פרשת וירא, אין "סעוויל מענאָר" אין בארא פּאַרק.

עס איז געווען אן ערהאַבן בילד אריינקומענדיג אין זאַל, זעענדיג ווי ס'איז איבערגעפולט מיט אַ קאָלירפולן ציבור, פון אלע שיכטן און סאָרטן, וואָס מען זעט זעלטן סיי וואו.

גאר פראָמינענט איז געווען דער לאַנגער אויבנאן, וואָס האָט זיך געצויגן פון איין זייט צום אנדערן און איז די גאנצע צייט געווען באזעצט פון צענדליגער רבנים ואדמורי"ם פון די חשוב'סטע און גרעסטע קהילות קדושות אין בארא פּאַרק און דער אומגעגנט.

דער יו"ר, הרה"ח מוה"ר נפתלי בלומענבערג הי"ו, מחשובי מתפללי ביהמ"ד, האָט פאָרגעשטעלט אַ חשוב'ן פערזענליכקייט, הרבני הנכבד והישיש, הרב אשר לעמיל עהרענרייך שליט"א, דער וועטעראַן מנהל פון בית יעקב ד'בארא פּאַרק קרוב צו 60 יאָר לאוי"ט, ער זאָל ארויפקומען רעדן לזכרו פון להבחל"ח ידיד נפשו, הרב החסיד המפו' רבי דוד גרינצווייג ז"ל, וואָס די מסיבה איז געווען מוקדש לזכרו, ולע"נ בנו הרה"ח ר' יוסף גרינצווייג ע"ה.

הרב עהרענרייך האָט גאר רירענד ארויסגעברענגט דעם טייערן אנדענק פון ר' דוד גרינצווייג, פאָרשטעלנדיג וויאַזוי ער האָט איבערגעלעבט די מלחמה און פּאָרט באוויזן צוזאַמצונעמען די כוחות הגוף והנפש און ווערן טייל פון די באָראָ פּאַרקער אידישע געמיינדע אין די ערשטע יאָרן ווען מען האָט גענומען איבערפלאנצן אמאליגע חסיד'ישע קהילות און מוסדות התורה אין די שטאָט.

דערנאָך האָט מען געהערט די גייסטרייכע דרשה פון דעם נואם הכבוד, כ"ק הגה"צ רבי שמעלקא לייפער שליט"א אדמו"ר מחוסט, וועלכער האָט באצויבערט דעם ריזן ציבור בדברי פי חכם חן.

דער חוסטער רבי שליט"א האָט בתוך דבריו ארויסגעברענגט אז דאָס וואָס מען זעט דאָ אזא גרויסן קאָלירפולן ציבור איז נישט קיין צופאַל, נאָר דאָס ווייזט דעם הכרת הטוב וואָס דער ברייטער ציבור שפירט פאַר'ן חשוב'ן מרא דאתרא שליט"א, וועלכער איז אויך משמש אלס רב ומורה צדק אינעם מאימאנידעס שפיטאָל, און איז כל כולו איבערגעגעבן למען הכלל והפרט ברוחניות ובגשמיות.

דערנאָך איז פאָרגעקומען אַ מוזיקאַלישע פאָרשטעלונג דורך דעם מלחין ובעל מנגן מו"ה מרדכי אילאוויטש הי"ו ממתפללי ביהמ"ד, אינאיינעם מיט חברה "ידידים" בראש פון מו"ה יעקב יוסף ארלנסקי נ"י, וואָס האָט פאָרגעשטעלט די פּעולות פון די קהלה און פון דעם אורח הכבוד, האברך הנגיד ר' הערשי רובין הי"ו ממתפללי ביהמ"ד, וועלכער האָט באקומען צוגעטיילט אַ פּרס הכרת הטוב.

ביי די ענדע האָט מען געהערט דברי ברכה פונעם רב שליט"א, וועלכער האָט צוליב די שפּעטע שעה מקצר געווען זיינע ווערטער, און האָט מעומק הלב באדאנקט די פולע הונדערטער אידן וועלכע זענען געקומען שטיצן דעם מקום תורה ותפלה, ובפרט אין אזא שווערן זמן, נאָך דעם האָריקעין וואָס האָט פּאַראַליזירט די שטאָט, אין ער האָט געוואוטשן דעם ציבור זאל מצליח זיין בכל הענינים בזכות אבותיו הקדושים.




